**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/28/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט טראנספארמירנדע פראיעקטן פאר גלאווערסוויל אלס טייל פון 10 מיליאן דאלערדיגע ׳דאונטאון אויפלעבונג אונטערנעמונג׳**

***צוועלף דאונטאון אויפלעבונג פראיעקטן פארבעסערן נייע פובליק איינריכטונגען, און ביזנעס און האוזינג געלעגנהייטן***

***טייל פון א סטראטעגישע ציל צו באררייכערן דער קאמיוניטי מיט העכסט-נויטיגע אונטערהייבנדע פראיעקטן***
***פראיעקט פלענער בילדער קען מען באקומען [דא](#)***

גאווערנער האוקול האט היינט געמאלדן 12 טראנספארמירנדע פראיעקטן איו דער שטאט גלאווערסוויל אלס טייל פון דער 10 מיליאן דאלערדיגע ׳דאונטאון אויפלעבונג אונטערנעמונג׳ ביישטייערונג. די ביישטייערונג וועט פארבעסערן פובליק איינריכטונגען און נאטור ערטער, פארברייטערן האוזינג געלעגנהייטן און אויסהאלטן סיי נייע און עקזיסטירנדע קלענערע ביזנעסער. פראיעקט אויסשטעל בילדער קען מען באקומען [דא](#).

״מיר באגלייטן אריין א נייע עפאכע פאר גלאווערסוויל, צוציענדיג דזשאבס, ביזנעסער און מענטשן און מאכנדיג דער קאמיוניטי א בעסערער ארט צו וואוינען און ארבעטן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די דאזיגע אינוועסטירונגען וועלן שאפן מער צוגענגליכע האוזינג, פארבעסערן פובליק איינריכטונגען און ווידער-אויפלעבן העכסט-נויטיגע ביזנעסער אין דאונטאון גלאווערסוויל, וואס וועט פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט פאר באזוכער און איינוואוינער צוגלייך. מיין אדמיניסטראציע איז פארפליכטעט צו שאפן מער וואוינבארע קאמיוניטיס און בויען א ליכטיגערע צוקונפט אין אפסטעיט ניו יארק.״

גלאווערסוויל׳ס דאונטאון איז אויסגעצייכנט מיט איר אייגנארטיגער כאראקטער, היסטארישע ארכיטעקטור, בארימטע קונסט און קולטורעלע אייגנשאפטן, פארקס און נאטור ערטער און רייכע געפיל פון קאמיוניטי. לעצטיגע אינוועסטירונגען אינערהאלב און ארום גלאווערסוויל׳ס קליינע, גיי-בארע דאונטאון האבן געמאכט דער געגנט רייף פאר ווידער-אויפלעבונג.

די דאזיגע אינוועסטירונגען זענען טייל פון דער גאווערנער׳ס אנגייענדע באמיאונגען צו ווידער-אויפלעבן דער אפסטעיט עקאנאמיע און שאפן מער געלעגנהייטן אין דעם מאוהאק וואלי. גלאווערסוויל איז דערקלערט געווארן א [DRI רונדע 5 געווינער](#) אין 2021. אין צוגאב צו ביישטייערנדע גרענטס פאר אויפלעבנדע קאמיוניטי אינוועסטירונגען, טוט די ׳דאונטאון אויפלעבונג אונטערנעמונג׳, אנגעפירט דורך דער דעפארטמענט פון סטעיט, צושטעלן טעכנישע הילף צו אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס בשעת זיי אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אידענטיפיצירן פראיעקטן צו ווידער-אויפלעבן זייערע דאונטאון געגנטער.

**די ספעציפישע פראיעקטן צו ווערן פינאנצירט דורך דער DRI רעכענען אריין:**

**רענאווירן דעם היסטארישן ׳גלאוו טעאטער׳ - DRI ביישטייערונג 1,994,000 דאלער**
דער ׳גלאוו טעאטער׳ס 40,000 סקווער פיס קאמפלעקס וועט ווערן רענאווירט און צוריק אויפגעראכטן דורך דער דאזיגער פראיעקט, וועלכע רעכנט אריין פארשידענע אינערליכע פארבעסערונגען צו פארבעסערן זיכערהייט און באקוועמליכקייט.

**רענאווירן דאס ׳קערידזש הויז׳ - DRI ביישטייערונג: 1,360,000 דאלער**
דאס היסטארישע ׳קערידזש הויז׳, ליידיג פאר באלד צוויי צענדליג-יארן, וועט ווערן רעהאביליטירט צו צושטעלן א מייקרא-ברויעריי,ספארטס באר, רעסטוראנט, ווי אויך עטליכע יוניטס פון האוזינג אויף די אויבערשטע שטאקן. אין צוגאב צו רעזידענשעל ספעיס, וועלן טייל פון די אויבערשטע שטאקן ווערן גענוצט אלס ׳פלעקס ספעיס׳ צו פונקציאנירן אלס באנקעט ארט לויט ווי עס נויטיגט זיך.

**אויפשטעלן ׳גלאוו סיטי לאפטס׳ - DRI ביישטייערונג: 1,250,000 דאלער**
קונסטלער האוזינג וועט ווערן אויפגעבויט אויף אן עקזיסטירנדער ליידיגער שטח נעבן סיטי האלל דורך דעם דאזיגן פראיעקט. עס וועט אנבאטן בערך 75 לאפט-סטיל צוגענגליכע האוזינג יוניטס פאר געמישטע-איינקונפט טענאנטס, פארענדיגט מיט נאטור ערטער און א קונסט גאלעריע אויפגעזען דורך דער ׳גלאוו סיטי קונסט פאראיין׳.

**אקטיווידירן סט. טאמאס סקווער פאר דורכאוס דעם גאנצן יאר אקטיוויטעטן - DRI ביישטייערונג: 1,120,000 דאלער**
דער דאזיגער פראיעקט וועט שאפן א שטארקע באהעפטונג צו מעין סטריט דורכ׳ן איבערבויען און אונטערבאניצטע פארק אריינרעכענעדיג: א נייע פוסגייער און מעמאריעל ארט ארום ׳פארמערס מארקעט פאוויליאן׳ און אן ׳אייס-סקעיטינג׳ ארט מיט פארבינדענע איינריכטונגען.

**ווידער-אויפלעבן ׳דעניעל העיס מיל׳ - DRI ביישטייערונג: 1,050,000 דאלער**
דער דאזיגער פראיעקט וועט ווידער-אנטוויקלען א געוועזענער אינדוסטריעלער ארט, אריינגערעכנט א היסטארישע פיר-שטאקיגע הילך-געפארעמטע ציגל געביידע און מערערע איינצעלנע-שטאק געמויערנע בנינים, פאר מערערע-פאמיליע פריוואטע וואוינונג באניץ וואס וועט ברענגען נייע איינוואוינער צו דאונטאון גראווערסוויל און ברענגען נייע לעבן צו א לאנג פארלאזטע שטח.

**אנהייבן דאונטאון ביזנעס פארבעסערונג פאנד - DRI ביישטייערונג: 600,000 דאלער**
דאס דאונטאון ביזנעס פאנד וועט צושטעלן קלענערע ביזנעסער און ארגאניזאציעס אין דער DRI געגנט מיט די פינאנציעלע שטיצע געניייטיגט צו אנפילן דער פינאנצירונג חסרון פאר פארברייטערונג און פארבעסערונג פראיעקטן. די שטאט וועט צוטיילן גרענטס באזירט אויף א קאנקורירנדע אפליקאציע, איבערזיכט פראצעדור און פארגלייך פאדערונגען.

**פארבעסערן פובליק איינריכטונגען ביי טרעיל סטעישען פארק - DRI ביישטייערונג: 495,000 דאלער**
די צווייטע פאזע פון א געפלאנטע פארברייטערונג ביי טרעיל סטעישען פארק וועט זיך אנהייבן, ערזעצנדיג א גרויסן טייל פון אספאלט מיט איינריכטונגען ווי צום ביישפיל א וואסער שפריץ ארט, וואשצימער, פאוויליאן און א קליינע קינדער טוישן ארט, ווי אויך ביימער, פיקניק ערטער, וועגלעך און נאטור ערטער.

**פארבעסערן גאס אויסשטעל און באהעפטונג - DRI ביישטייערונג: 441,000 דאלער**

דער דאזיגער פראיעקט וועט שאפן א מער אויפנעמענדע ענווייראנמענט פאר באזוכער און איינוואוינער דורכ׳ן צושטעלן פארבעסערטע סיידוואקס, ביימער אויף די גאסן פאר שאטן און פוסגייער באלייכטונג ביי העכסט-נויטיגע לאקאציעס אין דער דאונטאון.

**שאפן א דאונטאון סקווער - DRI ביישטייערונג: 435,000 דאלער**
דער דאזיגער פראיעקט וועט טראנספארמירן דעם דאזיגן צענטראלן גענצליך ליידיגע שטח צו אן אינער-שטאטישע פלאזא / עפנטליכער צוזאמענקונפט ארט פאר פובליק קאנצערטן און פארשטעלונגען, וועכנטליכע אינדרויסנדיגע מאווי נעכט און אן אינער-שטאטישע פארק אטמאספערע. פלאץ וועט זיין צוגעשטעלט פאר עסנווארג טראקס און בודקעלעך פאר ארטיגע רעסטוראנטן. ׳גרינער׳ אינפראסטרוקטור וועט ווערן איינגעגלידערט צו ערלויבן שטורעם-וואסער אריינדרינגונג.

**טראנספארמירן א ליידיגע געביידע צו א מייקרא-ברויעריי - DRI ביישטייערונג: 359,000 דאלער**
א ליידיגע געוועזענע גאראדזש געביידע וועט ווערן צוועק-באנייט אלס דער הויפטקווארטיר פאר ׳גלאוו סיטי ברויעריי׳, מיט א מייקרא-ברויעריי, קיך וואשצימערן און א אינדרויסנדיגע ביר-גארטן.

**רענאווירן ׳שיין מעמאריעל האלל׳, דריטער שטאק - DRI ביישטייערונג: 346,000 דאלער**
דער דריטער שטאק פון ׳שיין מעמאריעל האלל׳, א פראמינענטע, דריי-שטאקיגע געביידע וואס איז געווען א דאונטאון לענדמארק זינט איר אויפבוי אין 1881, וועט ווערן רענאווירט צו שאפן א צוציענדער ארט פאר דאס אריבערציאונג פון דעם ׳סארטאו גלאוו מוזעאום׳ און צוזאמארבעט ארט פאר קונסטלער.

**ווידער אויפלעבן געוועזענע סיטי האלל - DRI ביישטייערונג: 250,000 דאלער**
דער ערשטער שטאק פון דער געוועזענער סיטי האלל געביידע וועט ווערן רענאווירט פאר דאס צולייגן פון א רעסטוראנט און בעקעריי אינעם ליידיגן ארט פון דער געמישטע-באניץ געביידע.

גלאווערסוויל האט אנטוויקלט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן אויף ווידער-אויפלעבן איר דאונטאון מיט 300,000 אין פלאנירונג געלטער פון די 10 מיליאן דאלער אין איר גרענט. אן ארטיגע פלאנירונגס קאמיטע, וואס באשטייט פון מוניציפאלע פארטרעטער, קאמיוניטי פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען וועלן פירן דער באמיאונג, געשטיצט דורך א מאנשאפט פון פריוואטע סעקטאר מומחים און סטעיט פלאנירער. דער סטראטעגישער אינוועסטירונג פלאן פאר דעם דאזיגן געגנט אין גלאווערסוויל האט אונטערגעזוכט ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירט עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט דער קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף איינצופירן.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטאר פון סטעיט ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** ״דער DRI פראגראם טרייבט די רענאוואציע און אויפריכטונג פון וויכטיגע דאונטאון אייגנשאפטן אין יעדן ראיאן אין דער סטעיט. גלאווערסוויל שטייט גרייט צו שטעלן די 10 מיליאן דאלער אינוועסטירונג צו די ארבעט פאר אירע איינוואוינער און צו אקטיוויזירן איר היסטארישע דאונטאון געגנט מיט האנדל און נייע באזוכער. גלאווערסוויל איז דאס פערפעקטעביישפיל ווי ניו יארק סטעיט׳ס סטראטעגישע פלאצמאכונג אינוועסטירונגען אין קונסט, אינפראסטרוקטור און וואסער-ברעג צוטריט קען שטיצן עקאנאמישע וואוקס דורך שאפן וואוינבארע און פארבעטנדע קאמיוניטיס.״

**אסעמבלי-מיטגליד ראבערט שולמאן האט געזאגט,** ״ס׳איז א פרייד און דערפרישונג צו זען שטאט רעסאָרסן אריינגעלייגט צוריק אין די ׳גלאווערסוויל קאמיוניטי׳, און איך בין אפטימיסטיש אז מיר קענען בויען אויף די דאזיגע מאמענטום צו אינגאנצן ווידער-אויפלעבן אונזער דאונטאון געגנט און ביזנעס דיסטריקט, אסאך פון די דאזיגע פראיעקטן רעפרעזענטירן אונזער ראיאן׳ס רייכע היסטאריע און קולטור,

וועגן דעם בין איך ׳קאנפידענט׳ אז נאכ׳ן פארטיג ווערן, וועלן זיי ברענגען מער דזשאָבס, טוריזם, און געלעגנהייטן פאר מאוהאק וואלי איינוואוינער.״

**דער מעיאר פון גלאווערסוויל ווינסענט דעסענטיס זאגט,** ״דאס איז איינע פון די פרייליכסטע מאמענטן אין גלאווערסוויל היסטאריע. אדאנק גאווערנער האוקול און ׳סעקרעטערי אוו סטעיט׳ ראדריגעז און די גוט פינאנצירטע פאָנדינג געלעגנהייטן צוגעשטעלט דורכ׳ן סטעיט ניו יארק. מיר זענען יעצט אין א פאזיציע צו בויען א נייע שטאט, א פארוואנדלונג פון א 19׳טע יארהונדערט ׳אינדאסטריעל סיטי׳ אויף א בליענדער 21׳סטער יארהונדערט קאמיוניטי.״

**שטאט צענטער אויפלעבונגס פלאן**
ניו יארק סטעיט׳ס DRI, א גרונטשטיין פון איר עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם, טראנספארמירט דאונטאון געגנטער צו לעבהאפטיגע צענטערס וואס באטן אן א הויכע לעבנס-קוואליטעט און זענען מאגנעטן פאר איבערבוי, ביזנעס׳ זשאב שאפונג און עקאנאמישע און האוזינג דייווערסיטעט. אנגעפירט דורכ׳ן דעפארטמענט אוו סטעיט מיט הילף פון ׳עמפייער סטעיט דיוועלאפמענט׳, ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ און NYSERDA, טוט דער DRI פארטרעטן א פרעצעדענטלאזע און המצאה׳דיגע ״אומר ועושה״ סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע איינפירונג און רעזאלטאטן אין קליין-פארנעמיג, פיסגייער-גינציגע דאונטאון געגנטער וואס זענען א הויפט באשטאנטייל צו העלפן ניו יארק סטעיט צוריקצובויען איר עקאנאמיע פון די אפעקטן פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, ווי אויך צו ערריכן דעם סטעיט׳ס דרייסטע קלימאט צילן דורך שטיצן פובליק טראנזיט און רעדוצירן אנהענגיקייט אין פריוואטע וויהיקלס. מער אינפארמאציע איבער דעם DRI איז צו באקומען [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418